בעזהשי"ת

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פ' במדבר

**כיתה ב' (א)**
**הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו**

**כיתה ב' (ב)**
**הר"ר משה ברוך כץ הי"ו**

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

די וואך האבן מיר געלערנט

**חומש:** ביז פסוק כ' - שני.

**קריאה:** די מעשה פון דער בעש"ט וואס האט זיך געזעצט נעבן טיהר (בייגעלייגט)

**חומר שבועי:** די אינהאלט פון די וואך איז בייגעלייגט אין דעם גליון.

**הלכה:** מיר האבן ווייטער ממשיך געווען מיט די מנהגים פון שבת און די ל"ט מלאכות.

**ניגונים:** מיר האבן געזונגען: ניגונים פון די חומש סעודה

**ביטע איבער'חזר'ן מיט די קינדער במשך דעם שבת די גראמען פון די חומש סעודה**

א גוט שבת

**המלמד**

מיר גייען אנהייבן אי"ה די קומענדיגע וואכן

## א ספעציעלע פארמעסט

# צו גיין שלאפן באצייטנס

נ.ב. ביטע אריין שרייבן ביי די שבת צעטל
ווען איר ווילט אז די קינדער זאלן גיין שלאפן
און עס צוריק שיקן זונטיג

# אינהאלט פון די וואך

**צײלן די אידן**

נאך וואס מ'האט אויפגעשטעלט די משכן האט דער אייבישטער באפוילן מ'זאל צײלן די אידן וויבאלד דער אייבישטער האט ליב די אידישע קינדער און ער האט געמאכט רוהען זיין שכינה אויף זיי, אזוי ווי א זאך וואס א מענטש האט ליב ציילט ער עס א גאנצע צייט.

**ווער זענען געציילט געווארן?**

אלע שבטים זענען געציילט געווארן, נאר די טאטעס פון צוואנציג יאר און העכער, שבט לוי וויבאלד זיי זענען הייליג האט מען זיי געציילט עקסטער אלע לוויים און אויך די קליינע יונגעלעך פון א חודש און העכער, משה רבינו איז געשטאנען ביי די טיהר פון די שטובער און ס'איז ארויס געקומען א בת קול וואס האט געזאגט וויפיל קינדער ס'איז דא אין יעדע שטוב, און די אנדערע שבטים זענען געציילט געווארן דורך משה מיט אהרן און די נשיאים פון די אידן.

**די דגלים**

ווען דער אייבישטער האט געגעבן די תורה פאר די אידישע קינדער האבן זיי געזעהן ווי אזוי דער אייבישטער איז אראפגעקומען מיט די מלאכים און זיי זענען געווען אויסגעשורה'ט דגלים דגלים ווען יעדע מחנה פון מלאכים האט געהאט א עקסטערע פאן, און ס'איז זייער געפעלן פאר די אידן און זיי האבן אויך געוואלט זיין אזוי מסודר ארום די משכן, און דער אייבישטער האט באפוילן אז יעדע דריי שבטים זאלן רוהען פון יעדע זייט און יעדע שבט זאל האבן א עקסטערע פאן וואס האט די זעלבע פארב ווי די זיין שטיין וואס איז געווען אויפן חושן.

**די ארבעט פון די לוים**

מיר האבן פארציילט ווי אזוי די אידן זענען געפארן און גערוהט לויט די באפעל פון דער אייבישטער, און די לוויים האבן שטענדיג געטראגן די משכן אויף וועגעלעך בשעת זיי זענען געפארן, און שפעטער ווען מ'האט גערוהט האבן זיי עס צוריק אויפגעשטעלט.

**בגדי שרד**

ביים פארן האבן די כלים פון די משכן נישט געטארט זיין אויפגעדעקט פאר מ'האט אלעס ארויס געטראגן פון משכן האט מען זיי צוגעדעקט מיט א בלויע בגד און אויף דעם א צודעק פון הויט.

# שאלות מיט תשובות

**א. ווי אזוי האט מען געציילט די אידן?**

יעדער איינער האט געברענגט א האלבע שקל און נאכדעם האט מען געציילט אלע האלבע שקלים, יעדע שבט האט מען געציילט עקסטער.

**ב. פארוואס האט דער אייבישטער געהייסן מ׳זאל ציילן די אידן?**

ווייל דער אייבישטער האט זיי ליב און א זאך וואס א מענטש האט ליב ציילט ער עס שטענדיג נאכאמאל און נאכאמאל.

**ג. לויט וועלכע שבט האט מען געציילט די קינדער לויט די שבט פון די טאטע אדער פון די מאמע?**

לויט די שבט פון די טאטע.

**ד. פון וויפיל יאר האט מען געציילט?**

פון צוואנציג יאר און העכער.

**ה. וועלכע שבט האט מען געציילט עקסטער?**

שבט לוי.

**ו. פון וויפיל יאר האט מען געציילט שבט לוי?**

פון א חודש אלט.

**ז. ווי אזוי האט מען געציילט די קליינע קינדער פון שבט לוי?**

משה רבינו איז געשטאנען ביי די טיהר פון די שטובער און ס׳איז ארויס געקומען א בת קול וואס האט אויסגערופן וויפיל קינדער ס׳איז דא אין שטוב.

**ח. וויפיל שבטים האבן גערוהט פון יעדע זייט פון די משכן?**

3 שבטים זענען געווען פון יעדע זייט.

**ט. וואס איז געווען די ארבעט פון די לויים?**

צו טראגן די זאכן פון די משכן בשעת׳ן פארן.

**י. די כלים פון די משכן זענען געווען אויפגעדעקט בשעת׳ן פארן?** ניין.

# פניני השבת (ד)

**תוספת שבת**

עס איז א מצוה צו מוסיף זיין פון די וואכן טעג אויף שבת, דאס מיינט אז מ'האלט שבת אפאר מינוט פאר די זמן און אויך מוצאי שבת ענדיגט מען שפעטער שלש-סעודות כדי צו פארמערן פון די וואכעדיגע צייט אויף שבת, פרייטיג בלאזט מען צו מודיע זיין אז ס'קומט שבת, און אין די צייט וואס די בית המקדש איז געשטאנען האט מען אויך געבלאזן צו דערמאנען אז דער שבת קומט צוגיין.

**נשמה יתירה**

ערב שבת לייגט דער אייבישטער אריין א נשמה יתירה אינעם מענטש, און מוצאי שבת נעמט ער עס צו פון איהם, און עס איז א ספעציעלע מצוה צו לערנען שבת אסאך כדי צו זעטיגן זיין נשמה יתירה.

**נרות שבת**

עס איז א מצוה צו אנצינדן ליכט לכבוד שבת, און די מצוה איז סיי אויף די טאטע און סיי אויף די מאמע, און כדי די טאטע זאל אויך האבן א חלק אין די מצוה גרייט ער צו די ליכט און ער ברענט עס אפ כדי די מאמע זאל קענען צינדן.

**סגולת הנרות**

איינער וואס איז צוגעוואוינט צו אנצינדן שיינע ליכט דער האט קינדער תלמידי חכמים, דעריבער צינדט מען אן פארר יעדן איינעם א ליכט כדי אז ער זאל אויסוואקסן א תלמיד חכם, און פאר יעדן קינד וואס ווערט געבוירן לייגט מען צו נאך א ליכט.

**תפילת האמהות על הבנים**

ווען מ'צינדט ליכט איז זייער א גרויסע זמן און די מאמעס בעטן דעמאלטס פאר'ן באשעפער אז די קינדער זאלן אויסוואקסן ערליכע קינדער.

**בסיס לדבר האסור**

די שבת ליכט זענען מוקצה, און כדי מ'זאל קענען ריקן די טיש און ס'זאל נישט ווערן קיין "בסיס לדבר האסור" - דאס מיינט א האלטער פאר א זאך וואס איז מוקצה, וואס דאס אליין ווער אויך מוקצה - לייגט מען ארויף אויפן טיש א ספר אדער חלות כדי מ'זאל קענען ריקן די טיש אויב מ'וועט דארפן.

מ'צינדט אן צוויי ליכט, איינס אקעגן "זכור" און איינס אקעגן "שמור".

**"שבת" איז ראשי תיבות: שבת בשר תאכל**

# ז. הבורר



די מלאכה פון "בורר" איז אז מ'טאר נישט אויסקלויבן און ארויסנעמען די שטיינער וואס האט זיך אויסגעמישט צווישן די קערעלעך פון די ווייץ.

און אזוי אויך טאר מען נישט ארויסנעמען די ביינער פון די פלייש אדער די פיש, און די זעלבע זאך טאר מען נישט ארויסנעמען קערעלעך פון די אבטיח, און מ'טאר אויך נישט ארויסקלויבן די פארפוילטע פירות פון צווישן די אנדערע פירות.

# ח. הטוחן



די ארבעט פון "טוחן" איז אז מ'טאר נישט מאלן די קערעלעך פון די ווייץ און מאכן דערפון מעהל.

און די זעלבע זאך טאר מען נישט מאלן פלייש,און אזוי אויך טאר מען נישט צורייבן קארטאפל מיט א ריב-אייזן וכדו'.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ו**

**חומש:** ____________________________________________

**סיפר פרשת השבוע:** _________________________________

**שירים:** ____________________________________________

**נושא השבוע:** ________________________________________

**ברכת המזון:** ________________________________________

**התנהגות כללית:** _____________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** ___________________________________

**התפלל:** ____________________________________________

**הערות:** ____________________________________________

**חתימת ההורים** ______________________

**וויפיל אזייגער ווילט איר אז אייער קינד**
**זאל גיין שלאפן יעדע נאכט __________**

– ביטע צוריק שיקן זונטיג די מעשה ביכל –